68

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

167

קורץ און שאַרף

הונדערט פופצעהן נייע אינטערעסאַנטע

אַנעקדאָטען

שאַנע וויטצען און שפּיטצען שאַרפע שטעכענדינע
עפּינראַמען צום אַמעזירען און די צייט צו פאַרטרייבען,
צום לאַכען און פאַרגעניגען צו מאַכען.

צונויפגעזשעברעוועט דורך צוויי

כת ליצנים

ווילנא

שנת תרנ"ו לפ"ק

КУРЦЪ УНЪ ШАРФЪ

Кратко и мѣтко

Сборникъ анекдотовъ, шутокъ и эпиграммъ.

1895.

Дозволено Цензурою 25 Сентября 1895 года Вильна.

ВИЛЬНА.
Типографія Розенкранца, и Шрифтзетцера.
На Лидскомъ переулкѣ, домъ № 2598/13
1895.

1) אויפְ׳ן וַואגְזַאל.

פַאסַאשְׁזִיר: הֶער קָאנְדוּקְטָאר, קָאנְט אִיהְר מִיר נִיט וָאגֶען, וֶוענְן גֶעהְט אָפּ דֶער זִיעֶבֶּענְנַאזֵיינֶערְדִינֶער פָּאיֶעזְד?

קָאנְדוּקְטָאר: אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט נִיט, גֶעהְט קוּקְט זִיךְ אַיין אִין רַאסְפִּסַאנְיֶע.

2.

אוֹיף אַיין „אָבֶּענְד" הָאט דִי ווִירְטֶעְנס קְלֵיינֶע מֵיידֶעלֶע זִיךְ צוּ וֵויינְט, אַז אִיהְר טְהוּט וֵועה דִי צֵאהְן, דִי מוּטֶער הָאט זִי גֶענוּמֶען אַיין שְׁטִילֶען:

— נוּ, גֶענוּג! ווַיין נִיט, מַיין קִינְד! עֶס וֶועט בַּאלְד אִיבֶּער גֵעהְן.

— וִוי אַזוֹי וֶועט עֶס אִיבֶּער גֶעהְן? אִיךְ קָאנְן דָאךְ מַיינֶע צֵאהְן נִיט אַרוֹיס גֶעמֶען פוּן מוֹיל, וִוי דוּ-דַיינֶע.

3.

— זָאגְט, מִיר ר׳ חַיִים, פַאר וָואס מוּס אַשַדְכָן זַיין אַלִיעֶגְנֶער?

— וֶוענְן נִיט, פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּ מִיךְ — וָואלְטֶען אַזֶעלְכֶע חֲתָנִים, וִוי דוּ, קַיין מָאל קַיין חַתוּנָה גֶעהַאט. —

אויף

4) אויף מִלְחָמָה.

אַנֶעווִיסֶער פַּחְדָן בֶּערִימְט זיך אִין אַנֶעזֶעלֶענְשַׁאפְט: אִין מִלְחָמָה װֶערְט דֶער גְרֶאסְטֶער טְרוּס אַגִבּוֹר, אִיךְ אַשְׁטֵיינֶער, וֵוייסְט אִיהְר דָאךְ, בִּין מִכָּל יָמַי נִיט גָאר קֵיין גְרוֹיסֶער גִבּוֹר פוּן דֶענְסְטְוֶועגֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ גֶעוַואגְט אָפּ שְׁנַיידֶען דִי פִּיס אַטֶערְק.

– פַאר וָואס עֶפֶּעס דִי פִּיס אוּנ נִיט דֶעם קָאפְּ'ף?

– דֶעם קָאפְּ'ף הָאט שׁוֹין פְרִיהֶער אַיין אַנְדֶער אָפּ גֶעשְׁנִיטֶען.

5.

– כַּיין וַואנְזַאל אוֹיף דִי קְלֵיינֶע סְטַאנְצְיֶעס קְלַייבֶּען זִיךְ אוֹיף וַוייבֶּער מִיט קִינְדֶער שַׁבָּת נָאכְ'ן טְשָׁאלֶענְט זֶעהֶען וִוי דֶער פָּאיֶעזְד קוּמְט, אַמוֹידֶעל הָאט דֶער זֶעהֶען וִוי פוּן וַואגָאן אִיז אַרוֹיס אַיוּד.

– מַאמֶע, מַאמֶע! אַקְלָאג צוּ מִיר! אַיוּד פָּארְט אוּם שַׁבָּת, – הָאט זִי אוֹיס גֶעשְׁרִיהֶען נִיט מִיט אִיהְר קוֹל.

דֶער יוּדִישֶׁער פַּאסַאשְׁזִירְן אִיז צוּ אִיהְר צוּ גֶענַאנְגֶען אוּנ גֶעזָאגְט:

– צְוֵויי קְלָאג צוּ דִיר, טָאכְטֶערְקֶע! אִין וַואגָאן זִיטְצְט נָאךְ אַיוּד.

9;

– אִיהְר הָארְט אַמַעֲשֶׂה? אִין פֶערְנֶערְם הוֹיף לִיגֶענְט

אײדינגע שוין פון דרײ טאג נאנג מען האט זיא נאך ניט מקבר געװעזן.

— הם! פאר װאס?

— װײל זי איז נאך ניט געשטארבען.

7.

— װײסט, בערעל, חיה מינע האט געהאט אײנגעל,

— נו! מזל טוב דיר.

— הערסט דאך מיר האבען אלע געמײנט אמײדעל,

מען קוקט זיך ארום נוט — ניין! עס איז גאר אײנגעל.

— זארג ניט, יעקעל, אז ער קאנן שוין פון דער ערשטער מינוט אפ נארען, װעט ער מיט דער צײט זײן אגרױסער סוחר.

8.

אױף א נגידישע חתונה אין מינסק האט מען אמאל געבעטען מרדכי הכד ער זאל זאגען א המצאה.

מאטקע האט געפאלגט אונ געזאגט:

— ויסעו מסכות ויחנו ברפידים, געהאנגען זאלען װערען אלע מינסקער נגידים.

די נגידים האבען זיך שטארק בעלײדיגט אונ געפרעגט:

— װאס איז דא די המצאה?

— איך מײן אהן המצאות!

תתונה

9.

חֲתוּנַת מַאכֶען אַ טָאכְטֶער אִיז גְלַייךְ צוּ אַשְׁטַארֶקען פְּרָאסְט: אִין דִי אוֹיגֶען שְׁטֶעהְען טְרֶעהְרֶען אוּנ מֶען טַאנְצְט...

10.

אִין דִי קְלֵיין שְׁטֶאדְטְלַאךְ אוֹיף חֲנוּכַּת הַבַּיִת ווינְשְׁט מֶען פַּארְ'ן אַוֶועק גֶעהְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת: דִי שְׁטוּבּ זָאל צוּ פוּילְט וֶוערֶען אוֹיפְ'ן אָרְט; אַיין מְשׁוּגֶענֶער אָרֶעמַאן, וֶועלְכֶער הָאט נָאךְ דֶער צוּ נִיט גֶעקֶאנְט גוּט רֵיידֶען, הָאט פַּארְ'ן אַוֶועק גֶעהְן פוּן אַ חֲנוּכַּת הַבַּיִת, וואוּ עֶר הָאט אוֹיס גֶעטְרוּנְקֶען עֶטְלִיכֶע גְלֶאזְלַאךְ בְּרַאנְפֶען אוּנ אוֹיפְגֶעגֶעסֶען עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלַאךְ לֶעקֶעךְ, - אַזוֹי צוּ גֶעוואוּנְשֶׁען:

- צוּ פוּיט זָאיי וֶוערֶען דֶעיי בַּיי אָבָּאם מִיט דִי בַּייבָּאסְטֶע, מִיט דִי דִינְסְט מֵיידֶעיי אוֹיךְ, זִי הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען אַשְׁטִיקֶעיי יֶעקַאךְ.

11) אִין סוֹד.

- זַייט אִיהְר זִיךְ מוֹדֶה אִין דֶעם, אַז אִיהְר הָאט דֶעם הֶער פַּייפְמַאנְן בֶּעלֵיידִיגְט אוּנ גֶערוּפֶען גַנָּב?

- נֵיין, גַנָּב הָאבּ אִיךְ אִיהְם נִיט גֶערוּפֶען, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזָאגְט, אַז אִיךְ וָואלְט גֶעוִוים מַיינֶע גֶעלְד גֶעפִינֶען, וֶוענְן עֶר וָואלְט מִיר נִיט הֶעלְפֶען זוּכֶען...

אקלוגער

12) אַקלוּגער ענטפער.

אין אַ קליין שטעדטעל האט געוואהנט אַ געטויפטער דאקטער, די ערשטע צייט פון זיין אַריין פאהרען אין שטעדטעל האט מען געמיינט, אַז ער איז אַ קריסט פון געבאָהרען און פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש, דערום האָבען אַלע ווייבער, אויס געבּטלט אויף איהם אַלע בייזע חלומות אין די אויגען.

איין מאל האט איהם אַ יודינע בעצאָהלט 30 קאפּיקעס פאר דעם וויזיט, וואס ער האט געמאכט איהר קראַנקען מאַנן און האט דערביי צום מאַנן געזאגט:

– הלואי זאל דער דאקטער צו געטען דיין קראַנקהייט צו זאמען מיט די 30 קאפּיקעס.

דעם מאל האט זיך דער דאקטער שטאַרק בעליידיגט דאך האט ער זיך געמאכט ווי ניט הערענדיג, און געווענדעט זיך צו דער פרוי און אויף פראסט יודיש איהר געזאגט:

– ליעבע יודינע! מיר דאכט, אַז איהר אַליין זייט אויך עפעס ניט אין גאַנצען געזונד.

די יודינע האט זיך שטאַרק פערוואונדערט, וואס דער דאקטער קאָנן ריידען יודיש, דער צו האט זי זיך געשראָקען טאמער האט ער געהערט ווי זי האט איהם געשאלטען, נאר זעהענדיג ווי דער דאקטער שטעהט

גאַנץ

נאַנץ רוהיג, האָט זי געענטפֿערט, שאָקלענדיג מיטן
קאָפּ:

— וואָס מיינט איהר, הער דאָקטער, מען האָט
טאַקי קיין כּח ניט די פּיס צו שלעפּען.

— נו, פאַר וואָס נעמט איהר עפּעס ניט איין?

— וואָס זאָל איך, הער דאָקטער, איינעמען?

— נעמט איין אַ מיתה משונה.

13) על חטא.

דער על חטא האָט אונז אַגרויסע טובה געטהון, —
האָט אַמאָל אַ געוויסער בּעל עבירה געזאָגט, — אַזוי,
ווען עס וואָלט זיך מיר פערוואָלען טהון אַיין עבירה וואָלט
איך ניט וויסען וואָס פאַר איין עבירה איז בּעסער איטצט
אָבער, אַז עס איז דאָ אַרשימה פון עבירות, — איז גאָר
אַנדערש, איך עפען אויף אין סידור דעם על חטא און
קלייב אויס, וועלכען מיר געפעהלט.

14) דער אמת'ער קאָמפּלימענטען.

אַהתן שרייבּט צו זיין כּלה אַבּריעף; זיינער אַפריינד,
וועלכער איז אָנגעגאַנגען דאָן, האָט אַקוק געגעבען אויפן
בּריעף און געזאָגט:

— דו שרייבּסט דיין כּלה „פיעל געליעבּטע“ עס איז

זֶעהְר רִיכְטִיג, זִי הָאט טַאקִי גֶעהַאט פִיעל גֶעלִיעבְּטֶע פַאר דִיר אוֹיךְ.

15.

אַיוּנְגֶער מֶענְשׁ פְרֶאגְט אַפְּרַאיילֶען:
— קָאנְן אִיךְ פִּיעלַייכְט הָאבֶּען דִי עֶהְרֶע בֶּענְלֵייטֶן אַייךְ?
— מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען פֶערְגְנִיגֶען, — עֶנְטְפֶערְט זִי, — נָאר אוֹיף דִי צְווייטֶע לַאוֶוע.

16) וָואס אַמֶענְשׁ קָאנְן זִיךְ ווִינְשֶׁען.

אַדייטְשֶׁעשֶׁער שׁוּסְטֶער שְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין פְרַיינְד אַסְטָאלֶיער, זִיטְצֶענְדִיג אוּנ טְרִינְקֶענְדִיג בִּיער.
— אָט, בַּאגְדַאן! אָט הָאט וַוייטֶער אַ מַזָלְדִיגֶער מֶענְשׁ גֶעוואוּנֶען צְווִיי מָאל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶנְד רוּבֵּל! וֶוענְן אִיךְ וָואלְט עֶס גֶעווִינֶען?
— נוּ, וָואלְסְט דוּ גֶעוֶוען אוֹיךְ אַמַזָלְדִיגֶער! אוּנ אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר, וָואס דוּ וָואלְסְט דַאמָאלְסְט גֶעטְהוּן, וָואלְסְט גֶעווִיס גֶעאֶפֶענְט אַגְרוֹיסֶען מַאגַאזִין, אוּנ...
— נֵיין, — רַייסְט אִיהְם אִיבֶּער דֶער עֶרְשְׁטֶער — צוּ וָואס דַארְף אִיךְ עֶס דַאנְן? גֶעלְד הָאבּ אִיךְ, וָואלְט אִיךְ גֶערוּהְט, אוּנ בִּיעֶר גֶעטְרוּנְקֶען, אִיךְ וָואלְט נָאךְ שְׁטֶענְדִיג פֶּער גְרֵייטֶען בַּיי זִיךְ אַ פֶּאסֶעל הֶערִינְג, אוּנ אִיךְ וָואלְט אַלֶץ הֶערִינְג גֶעגֶעסֶען כְּדֵי עֶס זָאל מִיר דַארְשְׁטֶען אוּנ זָאל

קאָנען אַפּולע ביער אויס טרינקען, טאַקי ווי אַנגיד!

17) אין שיינק.

– ע! דו ביסט דאָך עפּעס אַיין אמת'ער לט, טרינקסט דאָך בראַנפען, ווי וואַסער.

– גאַר!... וואַסער וואָלט איך אַזוי פיעל קיין מאָל אויס געטרונקען.

18.

צוויי יונגע אידים'לאך האַמפּערן זיך וועגען שלמה המלך.

– שטעל זיך פאָר ווי גוט שלמה המלך איז געווען, – זאָגט איינער – ער האָט דאָך געהאַט טויזנד ווייבער.

– דער מאַן זיך אָבער, – ענטפערט דער צווייטער מיט אַ זיפץ – טויזנד שוויגערס! עפּעס אַקליינינקייט?

19) וועמען גאַר און וועמען גאַר ניט.

– זעהסט דאָך, אַז ניט דאָ קיין מזל, – איז שלעכט. אָט איז שוין דריי יאָהר נאָך מיין חתונה און קיין קינד איז נאָך ניט דאָ, – בעקלאָגט זיך אַיונגע ווייבעל פאַר איהרע אַשכנה; וועלכע ענטפערט איהר דערויף:

– דער פאַר איז ביי דיין שוועסטער נאָך דריי יאָהר פאַר דער חתונה שוין געווען צוויי.

20.

– וָואס לָאזְט אִיהְר אַייעֶר קִינְד אַזוֹ פִּיעֶל שְׁרַייעֶן ?
– וָואס קָאנְן אִיךְ טְהוּן ? אַז אִיךְ וועֶל אִיהְם נִיט לָאזֶען, וועֶט עֶר נָאךְ מֶעהְר שְׁרַייעֶן.

21) דִי גֶעהָארְכְזַאמֶע טָאכְטֶער.

– אִיךְ הָאבּ דִיר, טָאכְטֶער, דַאכְט זִיךְ, נִיט אֵיין מָאל. אָנְגֶעזָאגְט, אַז דוּ זָאלְסְט מֶעהְר נִיט דֶערְלָאזֶען, דָאס אוּנְזֶער שָׁכֵנְס זוּהְנְדֶעל זָאל דִיר גֶעבֶּען אַקוּס.
– אַז עֶר גִיט מִיר, מוּטֶער, אִיז וָואס ? אִיךְ נֶעם דֶענְן ? דַאכְט זִיךְ יֶעדֶער מָאל, וֶוענְן עֶר גִיט מִיךְ אַקוּס גִיבּ אִיךְ עֶס אִיהְם אָפּ צוּרִיק.

22) דֶער אֶמֶת'ער תְּרוּץ.

– ווִי וַואגְסְט דוּ זִיךְ, שֶׁקְין אֵיינֶער ! קוּסֶען מַיין טָאכְטֶער ? ווִי דַאזְוָואלְיֶעסְט דוּ זִיךְ עֶס ?
– נִיט אִיךְ הָאבּ זִיךְ דַאזְוָואלְיֶעט, גְלֵייבְּט, מִיר דָאס הָאט מִיר אַייעֶר טָאכְטֶער אַלֵיין דַאזְוָואלְיֶעט.

23) אַיין הַזְהָרָה פוּן דֶער נַייסְטֶער צַייט.

קוּסֶען אַיין עֶרְוַואכְסֶענֶע מֵיידֶעל הַיינְטִיגֶע צַייטֶען אִיז אַ סַכָּנָה, מֶען קָאנְן זִיךְ פֶער סַמֶען, ר"ל, וָוארוּם דִי קְרַאסְקֶע, וָואס שַׁאדְט נִיט צוּם פָּנִים שַׁאדְט זֶעהְר צוּם מָאגֶען.

24.

ראש הַשָּׁנָה פַאר תְּקִיעוֹת שְׁטֶעהֶען צְווֵיי מֵיידְלַאךְ אוּנ שְׁמוּעֶסֶען זִיךְ.

– וואוּהִין וֶועסְט דוּ גֵעהְן צוּ תְּקִיעוֹת אִין דֶער חֲסִידֶעשֶׁער אָדֶער אִין דֶער מִתְנַגְדִישֶׁער שׁוּל ?

– וואוּ אִיז מֶעהְרֶער בָּחוּרִים ?

25) סְלִיחָה, מְחִילָה, כַּפָּרה.

דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד הָאט אַ מָאל צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע סְלִיחוֹת בַּיי נַאכְט צוּ גֶעקוּמֶען אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶאדְטֶעל אוּנ אִיז גְלַייךְ פֶערְגַאנְגֶען אִין שׁוּל, וואוּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת. דֶער דוּבְּנֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבֶּען טִיהְר זָאגֶען סְלִיחוֹת צוּ זַאמֶען מִיט עֶפֶּעס אַיוּדֶען. יֶענֶער יוּד הָאט גֶעזָאגְט עִבְרִי פָּשׁוּט דִי צֵאהְנֶער אוֹים צוּ בְּרֶעכֶען, נָאךְ סְלִיחוֹת פְרֶאגְט אִיהְם דֶער דוּבְּנֶער:

– רֶבִּי יוּד, מִיט וָואס בֶּעשֶׁעפְטִיגְט אִיהְר זִיךְ ?

– אִיךְ בִּין אַ מְנַקֵר (אַ טְרֵייבֶּאטְשׁ).

– אַ מְנַקֵר ?! הְמְ! אוֹיבּ אִיהְר וֵוייסְט אַזוֹי פִיעל אִין דֶער מְחִילָה וִוי אִין דֶער סְלִיחָה מָאגְט אִיהְר וֶוערֶען אַכַּפָּרָה!

26) אַגוּטֶער פְרַיינְד.

– וָואס פַאר אַ מֶענְשׁ אִיז רְאוּבֵן גָאלְדֶענְבֶּארְג ?

– אִיהְר דַארְפְט נָאךְ פְרֶאגֶען ? דָאס אִיז אַיין אַכְזָר

איינער אין דער וועלט, איז איין עם הארץ קאנן ניט אזייטעל עברי אונ איז נאך ביי זיך אנאנצער „יא טעבייע דאם„, אז דער וואס קאנן איהם ניט, קאנן באמת אגרויסען טעות האבען אונ מיינען עם איז עפעם רעכטס, איך אבער וויים גאנץ גוט ווער ער איז אונ פון וואנען ער איז, זיין יחוס איז, ווי מען זאגט פון באד ביז הקדש, אויסער דעם איז ער אפרעמד געלד פרעסער, -ער האט שוין צוויי מאל געבאנקראטירט אונ איז נאך יעדען מאל אלץ רייכער געווארען ניט אוועק געבען איז א פנים דער בעסטער סילוק, איטצט ווילט זיך איהם נאך א מאהל באנקראטירען, ער וועט מסתמא איצט דערצו אויך ניט צו ליינען.

– פון וואנען ווייסט איהר דאס אלץ?

– ווי הייסט פון וואנען? ! ווער דען זאל וויסען אלץ וואס טהוט זיך ביי ראובן גאלדענבערג'ן אין שטוב, אויב ניט איך? ! מיר זיינען דאך עפעם די בעסטע פריינד.

27) אין רעסטאראן.

צוויי מענשען עסען ביידע פון איין טעלער, איינער עסט מיט גרוים אייפעניס, אונ דער צווייטער עסט ווי געוואהנליך.

– וואס עסט איהר ניט? – פרעגט דער ערשטער.

– אך עס איז גאר פערקעהרט, איך עס אונ איהר ניט.

– הם! וואס הייסט איך עס ניט? וואס דען טהו איך?

– איהר פרעסט.

אריבטינגער

28) אַריכטיגער פּירוש.

איין איידים האָט אַ מאָהל פערדייטשט דעם פּסוק:
תּוּל כּטל אמרתי; תּוּל — עס זאָל געשוואָלען ווערען, כּטל —
ווי אַ באַרג, אמרתי — מיין שוויגער.

— דאָס איז דאָך אַ פאַלשער פּשט! האָט ביי איהם
איינער געפרעגט.

— אונ ווי געשיקט זיך עס אַנדערש? אָט וועל איך
אייך ערקלעהרען, וועט איהר מיר אַליין מודה זיין, אַז
איך בין גערעכט, אונ אַנדערש קאָנן גאָר ניט זיין. אמרתי,
איז דאָך געוויס מיין שוויגער, וואָרום ווער דענן איז בילכער
געשוואָלען צו ווערען, אויב ניט מיין שוויגער? תּוּל איז
געוויס דער פּשט געשוואָלען ווערען, וואָרום וואָס דענן
דאַרף מיין שוויגער אויב ניט געשוואָלען ווערען? אונ כּטל
מוז מען זאָגען, ווי אַ באַרג, ווי אַנדערש זאָל מיין שוויגער
געשוואָלען ווערען, אויב ניט, ווי אַבאַרג? דאָס איז נאָך
אויך פאַר איהר ווענינ.

29) איין אמת'ע ראַיה;

— ווי זאָגט מען דינסטאָג אויף לשון הקודש?
— משען.
— פון וואַנען ווייסט דו דאָס?
— עס איז דאָ אַ בּפירוש'ע ראַיה משען ומטבח, היינט
אַז משען שטעהט פאַר מיטוואָך איז דאָך דאָס דינסטאָג.

צוויי

30.

צְווייַ יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען אַרוּם שְׁפַּאצִירֶענְד אִין סָאד הָאבֶּען דֶער זֶעהֶען אַיוּנְגֶע פְרַיילֶען.

– אָט בַּיי דֶער פְרַיילֶען, זָאג אִיךְ דִיר, אִיז אַנְגָאלְדֶענֶע שְׁטִימֶע.

– וֵייס אִיךְ, וָואס דוּ רֶעדְסְט! אִיךְ הָאבּ זִי גֶעהֶערְט אַמָאלְל זִינְגֶענְדִיג, מְיוּקֶעט עֶר פָּשׁוּט, וִוי אַקַאטְץ.

– אַךְ, נֵיין! – רַייסְט אִיבֶּער דֶער עֶרְשְׁטֶער – זִי גִיט דָאךְ אָבֶּער צֶעהֶען טוֹיזֶנְד רוּבּל נַדַן, – אִיז דָאס דֶענְן קַיין גָאלְדֶענֶע שְׁטִימֶע?

31) שַׁאֲלוֹת אוּנ תְּשׁוּבוֹת פוּן גֶענִיטֶע.

– פַאר וָואס אַדָאקְטֶער בֶּעת עֶר וֶוערְט קְרַאנְק רוּפְט עֶר אַיין אַנְדֶער דָאקְטֶער? פַאר וָואס קָאנְן עֶר זִיךְ אַלֵיין נִיט הֵיילֶען?

– וָואס פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּ נִיט? שׁוֹטֶה אֵיינֶער! וֶועלְכֶער מֶענְשׁ ווִילְל דָאס זִיךְ אַלֵיין אַ מִיתָה אָנְטְהוּן?!

– פַאר וָואס זַיינֶען דָאס דִי ווַייבֶּער אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אַז שְׁטָאט זָאגֶען אַגוּט וָוארְט דֶעם מַאנְן, כָּאטְשׁ זֵיי הָאבֶּען אִיהְם לִיעֶב, – קְלָלֶה'ן זֵיי אוּנ גִיעֶבֶּען אָן וֶועלְטֶען?

– הְם! פָּשׁוּט דֶער פַאר ווַייל דִי מַאנְנֶען זַיינֶען פַאלְשׁ: – כָּאטְשׁ זֵיי ווֵייסֶען, אַז דֶעם צְווֵייטֶענְס פְרוֹי אִיז נִיט בֶּעסֶער, דָאךְ בֶּעשִׁיטֶען זֵיי זִי מִיט קָאמְפְּלִימֶענְטֶען.

דָאקְטוּרִים

32.

דָאקְטוֹירִים אָהְן פַּאצִיֶענְטֶען קָאנֶנְעָן נִיט לֶעבֶּען, דִי פַּאצִיֶענְטֶען אָהְן דִי דָאקְטוֹירִים וָואלְלְטֶען אָפְּט לֶאנְגֶער גֶעלֶעבְּט.

אַקָארְגֶער וֶועט הוּנְדֶערְט מָאלְל דַאנְקֶען, אֵיידֶער אֵיין מָאלְל בֶּעצָאהְלֶען.

אַ שְׁלִים מַזָל עֶר זָאלְל אֲפִילוּ פַּאלֶען אוֹיפְ'ן פְּלֵייצֶע, וֶועט עֶר אוֹיךְ צוּ שְׁלָאגֶען דִי נָאז.

אַ קָארְגֶער אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ חֲזִיר: אַלֵיין עֶסְט עֶר... אוּנ קְלֵייבְּט אָן פֶּעטְקַייט פַּאר דֶעם צְוֵויטֶען.

דִי וַוארְהַייט אִיז נַאקֶעט אוּנ דִי מֶענְשֶׁען זַיינֶען פְּרוּמֶע, אַלְזָא וִוילְל קֵיינֶער נִיט קוּקֶען אוֹיף אִיהְר.

אוֹיף דֶער נַאנְצֶער וֶועלְט הִיטֶען אַלֶע אֵיין תּוֹרָה: וָואס מֶעהְרֶער גֶעמֶען, וָואס וֵוענִיגֶער גֶעבֶּען.

33) אוֹיךְ קֵיין שְׁלֶעכְט מִיטֶעל.

– שְׁרֶעק מִיךְ אִיבֶּער.

– פַּאר וָואס?

– מִיר שְׁלוּקֶערְצְט זִיךְ זֶעהְר.

– נוּ, אַנְטְלַייא מִיר פִּינְף רוּבֶּל.

34.

–אָ, וִוי בַּיי אַייךְ רִינְט אִין הוֹיז! אִיז עֶס אַלֶע מָאל אַזוֹי?

– נֵיין, נָאר וֶוענְן עֶס נִיסְט אַ רֶעגֶען.

35.

– מֶע זָאגְט, אַז אַבְרָהָם'עֶלֶם כַּלָה אִיז זֶעהְר רַייךְ, אֶמֶת?
– אֶמֶת, זִי אִיז זֶעהְר רַייךְ, אֲפִילוּ צֵאהְן אִיז בַּיי אִיהְר אוֹיךְ זִילְבֶּערְנֶע.

36.

– דִי בֶּעסְטֶע צַייט אוֹיף לִיעֶבֶּע אִיז זָאמֶער.
– יַא, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיבְּט אִין תַּמוּז...

37.

– נוּ, בְּרוּדֶער, גִיבּ מִיר מַזָל טוֹב אִיךְ בִּין שׁוֹין פֶּערְ־לָאבְּט.
– אַיין אַלְטֶע מַעֲשֶׂה, כְ'לֶעבֶּען, אִיךְ הָאבּ דָאס פוּן דִיר נִיט אֵיין מָאהְל גֶעהֶערְט...
– נוּ, אוֹיבּ דוּ ווִילְלְסְט נִיט, וֶועלְ אִיךְ שׁוֹין וַוייטֶער דִיר נִיט דֶער צֵאהְלֶען...

38) אַקְלוּגֶער וּנֶדֶר.

– אִיהְר וֶועט זִיךְ גֵיהְן בָּאדֶען?
– דַאנְקֶע. אִיךְ הָאבּ פֶּערְשְׁטֶעהְט אִיהְר מִיךְ, גֶענֶעבֶּען זִיךְ אַנֶדֶר, אַז אֵיידֶער אִיךְ וֶועל נִיט קָאנֶען גוּט שְׁווִימֶען זָאל אִיךְ אִין וַואסֶער נִיט אַרַיין.

39) אַיין אֱמֶת'ער עֶנְטְפֶער.

– מֶערְקְווִירְדִיג! פַאר וָואס אִיז דָאס פְּרוֹיעֶן מֶעהְר פוּן מַאנְסְבִּיל?

– די וועלט, זאָגט מען, איז אַ יאַריד און אויף יעדער יאַריד ברייננט מען אָרגענע סחורה מעהר...

.40

– ווי פיעל איז אַזיינער.
– וואס פרעגט איהר? איינער זיינער שטעהט דען?
– ניין, מיין זיינער ליעגט... שוין דריי חדשים פאר זעטצט.

41) מאַנן און ווייב.

– חיה׳לע, מיין לעבען, מיין קרוין, איך אטהעם דאָך נאר מיט דיר.
– געה! – דו ליינגסט, עס שמעקט נאָר פון דיר בראַנפען.

42) דער דאָקטער און זיין פּאַציענט.

– האָסט עפּעס גוט געשלאָפען?
– ניין, העד דאָקטער, איך האָב אַגאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען.
– פאַר וואָס?!
– פערשטעהט איהר מיך, איך בין אַ שומר, האָב איך אַגאַנצע נאַכט די קראָמען געהיט.

43) דאָס קלוגע קינד.

– נו, מזל טוב דיר, קלמינקע, גאָט האָט דיר געגעבע:

גענעבען אַקליינינקע שװעסטערעל; האָר נאָר װאוהין ליפּסט דו?

– איך ליף דאָס דער צאַהלען דער מאַמען.

44) דער פלײסיגער תּלמיד.

שלמה המלך האָט געזאָגט: געה דו, פוילער, לערנען זיך בײ, דער מוראַשקע, דער פוילער האָט געפּאָלגט אונ זיך באַלד אויס געלערנט געהן פּאַמעלאַך, װי די מוראַשקע.

45) איוב.

– איך פערשטעה ניט, גאָט האָט בײ איוב'ן אַלץ צו גענומען, פאַר װאָס האָט ער איהם דאָס װײב געלאָזען?

– װאָס פערשטעהסט דו ניט? גאָט האָט דאָך איוב'ן דער נאָך אָב געגעבען אַלץ צװײ מאָל אַזױ פיעל, הײנט װען ער װאָלט בײ איהם דאָס װײב אויך צו גענומען, װאָלט ער דאָך דער נאָך איהם מוזען אָפּ געבען צװײ װײבער אונ אַזאַ צרה האָט גאָט איוב'ן אויך ניט געװאָלט אָנמאַכען.

46) מתים באַקען בײגעל.

– מען זאָגט, אַז מתים ליגען אין דער ערד אונ באַקען בײגעל, – הײנט אַז אַלע מתים באַקען בײגעל, טאָ װער קױפט בײ זײ דאָרטען?

– דער פאַר טאַקי ליגען זײ אין דער ערד מיט זײער געשעפט.

שלאפען

47) שְׁלָאפֶען אוּנ עֶסֶען.

אַגְבִירִישֶׁער בָּחוּרִיל, ווֶעלְכֶער הָאט זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען פֶערְבְּרַאכְט אִין עֶסֶען אוּנ שְׁלָאפֶען, הָאט זִיךְ אַמָאל אַזוֹי גֶעקְלָאגְט:

— עֶס אִיז אַיין אוּנְגְלִיק! ווִי דֶער מֶענְשׁ קָאנְן דָאס קַיין פֶערְגֶענִיגֶען נִיט הָאבֶּען; בְּעֵת אִיךְ עֶס קָאנְן אִיךְ נִיט שְׁלָאפֶען, שְׁלָאף אִיךְ מוּס אִיךְ הוּנְגֶערֶען.

48) צְווֵיי זְרִיזִים.

— זִיטְץ, מַיין פְרַיינְד, ווָאס אַיילְסְט דוּ?

— אִיךְ מוּס גֵעהְן אַהֵיים, דִי דִיעֶנְסְט אִיז אַווֶעק אוּנ מַיין ווַייבּ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין.

— נוּ, אַדְיֶע! אִיךְ מוּז אוֹיךְ ווָאס גִיכֶער גֶעהְן אַהֵיים, מַיין ווַייבּ אִיז אַווֶעק אוּנ דִי דִיעֶנְסְט אִיז גֶעבְּלִיבֶּען.

49.

— אִיךְ ווֶעל שׁוֹין, מַיין קִינְד, פוּן דִיר מִיט דַיין פוּיק נִיט קָאנֶען רוּהֶען, ווֶעסְט מִיר שׁוֹין גֶענוּג דוּלֶען דֶעם קָאפְּ׳ף.

— נֵיין, מַאטֶע, אִיךְ ווֶעל דִיר דֶעם קָאפְּ׳ף נִיט דוּלֶען, אִיךְ ווֶעל פוּיקֶען נָאר דַאמָאלְסְט, ווֶענְן דוּ ווֶעסְט שְׁלָאפֶען.

50) אִין דְרוֹיסֶען.

— אַךְ! אִיהְר הָאט מִיר אַיין נַאגְנְיָאטְקֶע אָפּ גֶעטְרָאטֶען.

— פַּארְדָאן!

– וָואס קוּמְט מִיר אַרוֹיס פוּן אַייֶערֶע פַּארְדָאנְס?

– וָואס אַנְדֶערְשׁ קָאנְן אִיךְ טְהוּן? אוֹיבּ אִיהְר ווִילְלְט קָאנְן אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּען מַיינֶע אַנַאנְגִיאַטֶקֶע, זִי אִיז נָאךְ גָאר אַגוּטֶע.

51) טַייז מִיט מַלְאָכִים.

אַגֶעוִויסֶער קָארְטֶען שְׁפִּילֶער אִיז עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר גֶעקוּמֶען צוּם חֲסִידֶעשֶׁען רֶבִּי'ן אוּנ זִיךְ גֶעווָאלְט אַרַיין שְׁפַּארֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין חֶדֶר מְיוּחָד, דֶער גַבַּאי, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִירְר, הָאט אִיהְם נִיט אַרַיין גֶעלָאזֶען.

– גֶעהְט, גֶעהְט, דֶער רֶבִּי אִיז אִיטְצְט פָערְנוּמֶען מִיט מַלְאָכִים.

– זָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אַז אִיךְ הָאבּ טַייז, – הָאט דֶער קָארְטֶענְשְׁפִּילֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט.

– אַוֶועק, רָשָׁע! אִיךְ וֶועל בַּאלְד זָאגֶען דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט עֶר דִיר פֶערְשִׁילְטֶען.

– אַזוֹי?! דֶער רֶבִּי סְטְרַאשֶׁעט? הָאט עֶר קַיין מַלְאָכִים אוֹיךְ נִיט...

52) דָאס שְׁלִים מַזָל.

– זָאג מִיר, מַיין ווַייבּ, פַאר וָואס זַיינֶען מִיר אַזוֹי אָרוּם, – הָאט אַקְרֶעטְשְׁמֶער אַמָאל גֶעזָאגְט צוּ דִיא קְרֶעטְשְׁמֶערֶען, – דַאכְט זִיךְ דִי בְּרַאנְפֶען מִישֶׁען מִיר מִיט וַואסֶער הַאלְבּ אוֹיף הַאלְבּ, אוֹיסֶער דֶעם שְׁרַייבֶּען מִיר צוּ

כמעט

כְּמַעט אוֹיף יֶעדֶער קְוָוארְט אַהאַלְב קְוָוארְט אִיבֶּערִיגֶע, אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז קַיין מַזָל בְּרָכָה אַלְץ נִיט דָא, פוּן וַואנֶען נֶעמְט זִיךְ בַּיי אוּנְז דָאס שְׁלִים מַזָל?

— וָואס פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּ נִיט, שׁוֹטֶה אֵיינֶער! שְׁלִים מַזָל אִיז דֶערַיין, וָואס אִין דִי צוּ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע הַאלְבֶּע קְוָוארְט גִיעסְּען מִיר דָאךְ קַיין וַואסֶער נִיט.

53) אַפְּרָאסְטֶער חַי וְקַיָם.

אַמָאל פְלֶעגֶען דִי יִשׁוּבְנִיקֶעס זִיךְ צוּ נוֹיפְפָארֶען אִין שְׁטָאדְט אוֹיף יָמִים נוֹרָאִים, דָאס רֹב יִשׁוּבְנִיקֶעס הָאבֶּען אַ גַאנְץ יָאהְר קַיין עֲלִיָה נִיט גֶעהַאט אוּנ אַלְזָא הָאט מֶען זֵיי אִין יָמִים נוֹרָאִים גֶעמוּזְט גֶעבֶּען אַיין עֲלִיָה, וואוּ נֶעמְט מֶען אָבֶּער אַזוֹי פִיעל עֲלִיוֹת עֶס זָאל קְלֶעקֶען אַלֶעמֶען? דֶערוּם הָאבֶּען דִי גַבָּאִים אוֹיס גֶעקְלֶעהְרְט אַ נַייהֶעם כָּבוֹד אוּנ פְלֶעגֶען מְכַבֵּד זַיין דִי אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע יִשׁוּבְנִיקֶעס מִיט שְׁרַייהֶען: חַי וְקַיָם!

אַמָאל הָאט מֶען אַ יִשׁוּבְנִיק מְכַבֵּד גֶעוֶוען שְׁרַייהֶען: חַי וְקַיָם! דֶער יִשׁוּבְנִיק, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען פַאר אַבָּקִי אִין מַהְוֹור אוּנ גֶעוואוּקְסְט, אַז עֶס אִיז דָארְט פַרַאן: בְּגֶזֵרַת חַי וְקַיָם, בְּסוּכַּת חַי וְקַיָם, — דַארוּם הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט:

— וָואס פַאר אַ חַי וְקַיָם?

— אַפְּרָאסְטֶער חַי וְקַיָם! — הָאט דֶער גַבַּאי גֶעעֶנְטְפֶערְט.

— אַפְּרָאסְטֶער חַי וְקַיָם נוֹרָא וּמָרוֹם וְקָדוֹשׁ! הָאט דֶער

ישוּבניק אוּיס גֶעשְׁריֶהען מִיטְ'ן גַאנְצֶען כֹּחַ.

54) דִי זוּנְן אִיז מְשׁוּגָע.

– אַמָארְנֶע זַאךְ מִיט דִי זוּנְן! זוּמֶער, וֶוענְן עֶס אִיז אַזוֹי אוֹיךְ וַוארֶעם אוּנ מֶען דַארְף אִיהְר כִּמְעַט אוֹיף כַּפָּרוֹת, דַאמָאלְסְט בְּרֶענְט זִי אוּם עֶרְבַּארִימְלִיךְ, ווינְטֶר אָבֶּער אִין פְרָאסְט, וֶוענְן זִי וָואלְלְט שְׁטַארְק גֶעקָאנְט צוּ נִיץ קוּמֶען מִיט אִיהְר וַוארֶעמְקַייט – דַאמָאלְסְט דַוְקָא וַוארֶעמְט זִי נִיט.

– דוּ הָאסְט זִיךְ עֶרְשְׁט הַיינְט אַרוּם גֶעזֶעהֶען? ! אִיךְ זָאג שׁוֹין לַאנְג, אַז דִי זוּנְן אִיז מְשׁוּגָע, בַּיי טָאג, וֶוענְן עֶס אִיז אַזוֹי אוֹיךְ לִיכְטִיג אָהְן אִיהְר אוֹיךְ, דַאמָאלְסְט שַׁיינְט זִי אוּנ בְּרֶענְט, אוּנ בַּיי נַאכְט בְּעֵת עֶס אִיז פִינְשְׁטֶער אוּנ אִיהְר לִיכְטִיגְקַייט אִיז זֵעהְר נוֹיטְהִיג, דַאמָאלְסְט בֶּעהַאלְט זִי זִיךְ מַאךְ עֶפֶּעס מִיט אִיהְר! אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעזָאגְט, אַז דִי זוּנְן אִיז מְשׁוּגָע.

55)

אַ שְׁלֶעכְטֶער דַאנְטִיסְט (צָאהְן דָאקְטֶער) אִיז דֶער, וָואס לֵייגְט זַיינֶע אֵייגֶענֶע צֵאהְנֶער אוֹיפְ'ן פָּאלִיצֶע.

56) דִי אָקְסֶען זַיינֶען אוֹיךְ גֶעוֶועןן אִין ווילְנָא.

אַקְלֵיין שְׁטָאדְטֶעלְדִיגֶער נָגִיד הָאט אַמָאהְל גֶעשִׁיקְט זַיין זוּהְן מִיט אַפַּארְטִיֶע אָכְּסֶען אִין ווילְנָא, דֶער זוּהְן אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער טוֹיגֶעניכְטס אוּנ מֶען הָאט אִיהְם דָארְטֶען אָפּ גֶענַארְט פוּן קָאפְּ'ף בִּיז דִי פִּיס, דֶעם נָגִידְ'ס אַגוּטֶער

פריינד

פֿרַיינד הָאט דַאנן דֶעם נָגִיד גֶעפֿרֶאגְט: — ווי אַזוי טְהוּט אִיהְר דָאס אַזַא נַארִישְׁקַייט אונ שִׁיקְט אַייעֶר זוּהְן מִיט דִי אָקְסֶען, אִיהְר הָאט דָאךְ פְרִיהֶער גֶעדַארְפְט וִויסֶען, אַז מֶע שִׁיקְט אַ שְׁלִים מַזָל מוּז מֶען צוּ לֵייגֶען.

— נִישְׁט קָשֶׁה, — עֶנְטְפֶערְט דֶער נָגִיד — אִיךְ הָאבּ טַאקִי צוּ גֶעלֵייגְט גֶעלְד, עֶס אִיז אָבֶּער וֶוערְטְה, מַיין זוּהְן אִיז גֶעוָוארֶען אַמֶענְשׁ, — עֶר אִיז דָאךְ פָארְט גֶעוֶוען אִין ווִילְנָא!

— אַךְ, מַיין פְרַיינְד! דִי אָכְּסֶען זַיינֶען דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין ווִילְנָא.

67) אַשַׁארְפֶען וָוארְט.

— וָואס זִיטְצְט אִיהְר אַזוֹי אַרָאפּ גֶעלָאזֶען דֶעם קָאפְּ'ף, וָואס זַייט אִיהְר אַזוֹי מָרָה שְׁחֹרָה'דִיג, וֶוערְט פְרֶעהְלִיכֶער, זָאגְט עֶפֶּעס אַוִויטְץ, אַשַׁארְפֶען וָוארְט.

— נוּ, אִיךְ וֶועל אַייךְ צוּ לִיעֶבּ טְהוּן, אִיךְ וֶועל זָאגֶען אַשַׁארְפֶען וָוארְט: אַנָאלְמֶעסֶער.

68) גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם לֶעבֶּען.

— זִי אִיז אַגִבּוֹר, אִיהְר וֵוייסְט? זִי הָאט אַמֶענְשֶׁען דֶעם לֶעבֶּען גֶערַאטֶעוֶועט.

— ?!

— וואוּנְדֶערְט זִיךְ נִיט, כָאטְשׁ זִי אִיז אֲפִילוּ אַקְרַאנְקֶע, אַשְׁוַואכֶע, אָבֶער אוֹיף רַאטֶעוֶוען אַמֶענְשֶׁען פוּן טוֹידְט אִיז זִי דַוְקָא אַגִבּוֹר, דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען: אַיוּנְגֶער מֶענְשׁ —

בלוט

בְּלוּט אוּנ מִילְךְ הָאט זִיךְ אִיהְר אִין לִיעֶבֶּע עֶרְקְלֶעהְרְט מִיט דִּי וֶוארְטֶער: וֶועט אִיהְר זַיין מַיין פְרוֹי אִיז רֶעכְט, וֶוענְן נִיט נֶעם אִיךְ מִיךְ דֶעם לֶעבֶּען, נוּ הָאט זִי אִיהְם גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם לֶעבֶּען.

— נוּ, בֶּעדַאנְקְט עֶר אִיהְר כָאטְשׁ דֶער פַאר?

—יַא, עֶר בֶּעדַאנְקְט אִיהְר שׁוֹין וֵויינֶעְנְדִיג...

59) דָאס בֶּעסְטֶע בְּלַאט.

צְוַוויי מֶענְשֶׁען זַיינֶען גֶעזֶעסֶען אִין רֶעסְטָארַאן אוּנ גֶעגֶעסֶען, בַּיים עֶסֶען הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאלְטֶען צַייטוּנְגֶען, מֶען הָאט דֶער וַוייל דֶער לַאנְגְט אַ בְּרַאטֶען, אֵיינֶער הָאט אַוֶועק גֶעלֵייגְט דִי צַייטוּנְג אוּנ גֶענוּמֶען זִיךְ עֶסֶען.

— אַייךְ גֶעפֶעלְט נִיט דָאס בְּלַאט? — פְרֶאגְט אִיהְם דֶער צְוֵוייטֶער — וֶועלְכֶעס בְּלַאט גֶעפֶעהְלְט אַייךְ בֶּעשֶׂער?

— צוּם בְּרַאטֶען? גֶעפֶעהְלְט מִיר בֶּעסֶער אַ לָארְבֶּערְט בְּלַאט.

60) טִירְקִישֶׁע פָּאלִיצַיי.

דִיא דַייטְשֶׁעשֶׁע פָּאלִיצַיי אִיז אֵיינֶע פוּן דִיא בֶּעסְטֶע פָּאלִיצַיי אִין דֶער וֶועלְט, דַאנֶגֶען אִיז נָאךְ אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט נִיט דָא אַזַא גַנְבֶ'עשֶׁע אוּנ נָאכְלֶעסֶעְנְדֶע פָּאלִיצַיי וִוי דִי טִירְקִישֶׁע, אַמָאל הָט זִיךְ אַ דַייטְשׁ בֶּערִימְט פַאר אַ טֶערְק:

— אוּנְזֶער פָּאלִיצַיי אִיז זֶעהְר אַ גוּטֶע: 24 שָׁעָה נָאךְ

אַגְנֵבָה וַוייסֶען זֵייא שׁוֹין, ווֶער דֶער גַנָב אִיז אוּנ וואו דִיא גְנֵבָה לִיעֶגְט.

— אוּנ אוּנְזֶערֶע פָּאלִיצֵיי, — הָאט דֶער טֶערְק גֶעעֶנְטפֶערְט, — ווייס שְׁטֶענְדִיג 24 שָׁעָה פַאר דֶער גְנֵבָה וואו מֶען ווֶעט גַנְבֶ'ענֶען.

61) אוּנ קְרוֹיט?!

מֶען אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אַ יִשׁוּבְנִיק שַׁאטְצֶען זַיינֶע אִימוּסְטְשֶׁעסְטְוֶוע. זַיין ווַייבּ, הָאט אִיהְר מַאנְן אַוֶועק גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוֹיף אַ בִּיסֶעל שְׁטְרוֹי, צוּ גֶעדֶעקְט אִיהְם מִיט אַשְׁוַוארְצֶע קַאפָּאטֶע אוּנ זִיךְ אַלֵיין אַוֶועק גֶעזֶעטְצְט נֶעבֶּען אִיהְם, בֶּעווַיינֶען אִיהְם, כְּדֵי מֶע זָאל מֵיינֶען, אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.

דֶער סוּדִיעֶבְנֶער פְּרִיסְטַאוו מִיטְ'ן מַלְוֶה זַיינֶען אַרַיין אוּנ הָאבֶּען דֶער זֶעהֶען דִיעֶזֶעס זַיינֶען זֵיי גֶעוָוארֶען ווִי אָפּ הֶאנְטִיג.

— ווֶענְן אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען?

— אֵיי, אֵיי! הַיינְט אִין דֶער פְרִיה הָאט מִיךְ מַיין קְלָאג גֶעטְרָאפֶען! וואָס זָאל אִיךְ אִיטְצְטֶער טְהוּן? עֶר אִיז דָאךְ גֶעווֶען מַיין גַאנְצֶער שְׁפַּייזֶער, הַיינְט הָאט אִיהְר גֶעדַארְפְט ווַייסֶען, וואָס פַאר אַ טְהַייעֶרֶער מַאנְן עֶר אִיז גֶעוֶוען! עֶר הָאט קֵיין מָאל נִיט אִיבֶּער גֶעקְלִיבֶּען, וואָס מֶען הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען — הָאט עֶר גֶענֶעמֶען: אָ, ווֶעה אִיז מִיר! עֶר הָאט

גענעסען לאָקשען, פאַרפעל, קארטאפעל מיט ציבעלע אויך נוט, היינט פון קרוצקע אונ בוריקעס האָט ער פּשוט דיא פינגער געלעקט.

– אונ קרויט?! — האָט זיך פון אונטערן קאפאטע דער הערט דער קול פון ישובניק, וועלכער איז די גאַנצע צייט געלעגען אונ געשוויגען ווי אַטוידטער, נאָר ווען זיין ווייב האָט פערגעסען אויף קרויט, שטייטס קרויט — ער האָט דאך דאס אַזוי ליעב! — האָט ער שוין ניט געקאָנט, איין שווייגען.

62) אַקלוגער מגיד.

אַמגיד האָט אַמאָל שבת געזאָגט אין זיין דרשה, אַז בעת משיח וועט קומען, וועלען אַלע אויס טרייסלען די קעשענעס אונ וואַרפען זייערע געלד אויפ'ן גאַס. אויף מאָרגען איז ער געקומען צום גבאי בעטען מען זאל איהם בעצאהלען פאַר זיין דרשה.

– איך פערשטעה עס ניט, – האָט דער גבאי צו איהם געזאָגט, – איהר האָפט דאך געוויס, אַז משיח וועט היינט קומען, ווי מיר זאָגען אין „אני מאמין" – אחכה לו בכל יום שיבא איך האָף אַז משיח קאָנען יעדען טאָג קומען. נו וועדליג ווי איהר אַליין האָט געכטען געזאָגט, וועלען דאך בעת משיח וועט קומען אַלע אַרויס וואַרפען די געלד אויפ'ן גאַס, טאָ וואס דאַרפט איהר געלד?

– וואס רעדט איהר? – האָט דער מגיד געענטפערט,–
וואס

װָאס פַאר אַ פָּנים װֶעט עֶס הָאבֶּען ? אַלֶע יוּדֶען װֶעלֶען װאַרְפֶען גֶעלְד אִין דִי גַאסֶען אוּנ אִיךְ װֶעל נִיט הָאבֶּען װָאס צוּ װאַרְפֶען... אִיךְ װֶעל זִיךְ דָאךְ דַארְפֶען בֶּענְרָאבֶּען פַאר בּוּשָׁה !

63) נָאךְ אַמָאל אַמַגִיד.

אַ מַגִיד אִיז גְלַייךְ צוּ אַשְׁלוּפ, װֶעלְכֶער שְׁטֶעהְט אִין מִיטֶען װֶעג אוּנ אוּיף אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען וואוּ צוּ גֶעהְן. בֵּיידֶע װַײזֶען דֶעם אַנְדֶערֶען דֶעם װֶעג אוּנ אַלֵיין שְׁטֶעהֶען זֵיי אוּיף אַיין אָרְט.

64) אָבֶּער אַ מַגִיד.

אַ מַגִיד הָאט אַמָאל אִין זַיין דְרָשָׁה אַזוֹי גֶעזָאגְט:

אִין מַיין דְרָשָׁה אִיז פַארַאנֶען דְרַיי זַאכֶען: אֵיין זַאךְ אִיז װָאס אַלֶע װֵייסֶען, דִי צְװֵייטֶע זַאךְ, װָאס קֵיינֶער װֵייס נִיט, אוּנ דִי דְרִיטֶע זַאךְ אִיז, װָאס אִיךְ אַלֵיין װֵייס אוּיךְ נִיט. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ װֵייסֶען אַלֶע אַז אִיךְ בִּין נִיט אוּיסֶען דִי דְרָשֶׁה, נָאר דָאס גֶעלְד. דִי צְװֵייטֶע זַאךְ, װֵייס קֵיינֶער נִיט װָאס אִיךְ דַרְשֶׁען׳ן דָא, אוּנ דִי דְרִיטֶע זַאךְ, װֵייס אִיךְ נִיט װִיפִיעל אִיהְר װֶעט מִיר פַאר מַיין זָאגֶען בֶּעצָאהְלֶען, לָכֵן, לִיבֶּע יוּדֶען, צָאהְלְט מִיר אָפּ װֶעל אִיךְ שׁוֹין װִיסֶען, אַז אִיךְ מָאג שׁוֹין אַרָאפּ פוּן בִּימָה.

65) אוּנ װִיעֶדֶער אַ מַגִיד.

אַ מַגִיד הָאט אַ מָאהְל, אַזוֹי זִיעס גֶעזָאגְט, אַז דֶער

גאנצער

גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען פוּן זְיעֶסַקְייט אוּנ
דֶעם עוֹלָם אוֹיף צוּ וֶועקֶען הָאט דֶער מַגִיד גֶענוּמֶען שְׁרַייהֶען
מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת :

– גְוַואלְד, לִיעֶבֶּע יוּדֶען, עֶס בְּרֶענְט ! עֶס בְּרֶענְט !

דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ רַאפְּטָאם אַ כַאפּ גֶעטְהוּן אוּנ נִיט
טֵיידְט, נִיט לֶעבֶּעדִיג גֶענוּמֶען שְׁרַייהֶען :

– וואוּ בְּרֶענְט ? וואוּ ? !

– אָ, לִיעֶבֶּע יוּדֶען ! – הָאט דֶער מַגִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט,
– אִין גֵיהִינָם בְּרֶענְט ! עֶס פְלַאקֶערְט דָארְטֶען אַ פְלַאם פַייעֶר,
דָאס בְּרֶענְט מֶען דָארְטֶען דִי נְשָׁמוֹת פוּן יֶענֶע יוּדֶען, וָואס
הָאבֶען גֶעשְׁלָאפֶען בְּעֵת אַ מַגִיד פְּלֶעגְט זָאגֶען.

66) אַ גוּטֶער מְלַמֵד.

אִין אַ שְׁטוּב הָאבֶען זִיךְ אַמָאל פֶערְפְלָאדֶיעט שֵׁדִים,
אַ בַּעַל שֵׁם הָאט גֶעהֵייסֶען בְּרֵיינְגֶען אַהִין אַ מְלַמֵד מִיט קְלֵיינֶע
קִינְדֶער זֵיי זָאלִין דָארְט לֵייעֶנֶען קְרִיאַת שְׁמַע.

– עֶס אִיז אַ גוּטֶע סְגוּלָה, – הָאט אַ קְלוּגֶער יוּנְג
גֶעזָאגְט – דִי שֵׁדִים וֶועלֶען דֶער הֶערֶען דִי קוּנְצִיגֶע עִבְרִי
וֶועט זֵיי גֶעווּיס נִיט גוּט וֶוערֶען אוּנ זֵיי וֶועלֶען אַנְטְלוֹיפֶען
וואוּ דֶער שְׁוַוארְצֶער פֶּעפֶער וַואקְסְט.

67) וָואס עֶס קָאנְן זִיךְ טְרֶעפֶען.

– מַיינֶער אַגוּטֶער פְרַיינְד הָאט זִיךְ גֶעלֵיינְט שְׁלָאפֶען
בַּיי נַאכְט אַהוּנְגֶערִינֶער אָן אַ קָאפִּיקֶע אִין קֶעשֶׁענֶע אוּנ אִיז

אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער פְּרִיה מִיט... צָאהְן וֶועהְטָאג.

68.

– זָאגְט, ר׳ קָרוֹב, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וֶוענְן אִיךְ וֶועל אַרִיבֶּער גֵיהְן דֶעם בְּרִיק, וואוּהִין וֶועל אִיךְ אַרוֹיס?
– אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטֶען זַייט, מַיין פְרַיינְד.

69) בֵּיידֶע הָאבֶּען זִיךְ גָאר נִיט גֶערִיכְט.

וֶוענְן דֶער ווירְטָה אִיז גֶעוֶוען נִיט אִין דֶער הֵיים הָאט זִיךְ דֶער דִינֶער גֶענוּמֶען פַאר דֶער פְלֶעשֶׁעל בְּרַאנְפֶען, וָואס אִיז אוֹיפְ׳ן טִישׁ גֶעשְׁטַאנֶען, נָאר נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט צַייט גֶעהַאט צוּטְרִינְקֶען אִיז דֶער ווירְטָה צוּרִיק אִין צִימֶער אַרַיין.
– אָ! – הָאט דֶער ווירְטָה גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס אוֹיף דִיר גָאר נִיט גֶערִיכְט.
– גְלֵייבְּט מִיר, מַיין הֶער! – הָאט דֶער דִיענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט – אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיטְצְטֶער אוֹיף אַייךְ אוֹיךְ גָאר נִיט גֶערִיכְט.

70) דִי נַעֲנוּעִים.

אַ יִשׁוּבְנִיק אַיין עַם הָאָרֶץ פְלֶעגְט קוֹיפֶען אַלֶע יָאהְר אַיין אֶתְרוֹג מִיט אַלוּלָב אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלֶען אוֹיבֶּענְאָן בַּיין מִנְיָן אוּנ פְלֶעגְט שָׁאקְלֶען דִי נַעֲנוּעִים מִיטְ׳ן גַאנְצֶען כֹּחַ.
– וָואס בֶּעדַייטֶען, דִי נַעֲנוּעִים? – הָאט בַּיי אִיהְם אַמָאל אַקְלוּגֶער יוּנְג גֶעפְרֶעגְט –

וואס

— וָואס פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּ נִיט ? אִיךְ שָׁאקְעל אִין מִזְרָח, אִין מַעֲרָב, אִין צָפוֹן, אִין דָרוֹם אוּנ אַרוֹיף אוּנ אַרָאפּ דֶער מִיט מֵיין אִיךְ אַלֶע מַיינֶע שׂוֹנְאִים פוּן אַלֶע פִיעֶר זַייטֶען, — טַאטֶע אִין הִימֶעל ! — זָאלֶען אַרַיין אִין דֶער עֶרְד.

71) אַפְּרָאסְטֶער פְּשַׁט.

— וָואס אִיז טַייטְשׁ אִין דֶער הַגָדָה : דָם וָאֵשׁ וְתִמְרוֹת עָשָׁן, דָבָר אַחֵר בְּיָד חֲזָקָה שְׁתַּיִם ?

— דֶער פְּשַׁט אִיז גַאנְץ פְּרָאסְט : דָם — אַז דוּ זֶעהְסְט בְּלוּט, —וָאֵשׁ — אוּנ פַייעֶר, וְתִמְרוֹת עָשָׁן — אוּנ אַזֵייל רוֹיךְ, דָבָר אַחֵר אִיז אַסְמָן, אַז מֶען שְׁמַאלְיֶעט אַחֲזִיר, בְּיָד חֲזָקָה — אוֹיב עֶס אִיז אַשְׁטַארְקֶער פַייעֶר מִיט אַרוֹיךְ שְׁתַּיִם שְׁמַאלְיֶעט מֶען צְוֶוייא חֲזֵירִים.

72) אִין סוֹד.

— לָאזְט אַייעֶר שִׁירֶעם אִין פָאִרְהוֹיז, — זָאגְט דֶער סְטְרָאשְׁז צוּ אַיין עֵדוּת, וֶועלְכֶער הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין גֶעהְן אִין קַאמֶער פוּן סוֹד מִיטְ'ן שִׁירֶעם.

— פַאר וָואס גִיט ?

— וַוייל דָארְטֶען גֶעהְט נִיט קֵיין רֶעגֶען.

73) לוֹט אוּנ זַיין וַוייבּ.

אַיין אַלְטֶער חָסִיד דֶערְצֵאהְלְט אִין קְלַייזֶעל אַזַא מַעֲשֶׂה :

אמאל

אַמָאל איז צו לִיעב בַּרְדִיטְשׁוּבֶער חֲסִידִים זַאלְץ גֶעוָוארֶען וֶועלְוֶועלֶער אונ בְּרַאנְפֶען טְהַייעֶרֶער, דיא מַעֲשֶׂה איז אַזוֹי גֶעוֶוען. בַּרְדִיטְשׁוּבֶער חֲסִידִים הָאבֶען אַמָאל גֶעמַאכְט איין אֲסִיפָה, ווִי צוּ מַאכֶען עֶס זָאל וֶועלְוֶועלֶער וֶוערֶען בְּרַאנְפֶן, אוֹיף דֶער אֲסִיפָה איז גֶעבְּלִיבֶּען מֶען זָאל גוֹזֵר תַּעֲנִית זַיין אונ נָאכְ'ן אָפּ פַּאסְטֶען זִיךְ זָאל מֶען גֶעהְן צוּ לַטְ'ן אוֹיפְ'ן קֶבֶר בֶּעטֶען, עֶר זָאל זִיךְ סְטַארֶען אין בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, עֶס זָאל וֶועלְוֶועלֶער וֶוערֶען בְּרַאנְפֶען. גֶערֶעדְט אונ גֶעטְהוּן. נָאכְ'ן תַּעֲנִית הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין גֶענוּמֶען קְלַייבֶּען גֶעהְן צוּ לַטְ'ן אוֹיפְ'ן קֶבֶר, נָאר אֵיידֶער מֶע טְהוּט אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ, ווִי גֶעמְט מֶען נִיט אַקַאפֶּעלֶע בְּרַאנְפֶען, אֵיין קַאפֶּעלֶע אונ נָאךְ אַקַאפֶּעלֶע, מֶע הָאט זָא לַאנְג גֶעטְרוּנְקֶען בִּיז מֶע איז גֶעוָוארֶען גוּט שִׁכּוֹר אונ גֶעהֶענְדִיג אַזוֹי שִׁכּוֹרֶערְהֵייט הָאבֶען זֵיי נִיט גֶעטְרָאפֶען צוּ לַטְן אונ פֶערְבְּלָאנְדְזֶעט... נָאר צוּ זַיין וַוייבּ. לַטְ'ס וַוייבּ הָאט גֶעהַאט זֶעהְר אַ וֵוייךְ הֶערְץ אונ מַאנְסְבִּיל הָאט זִי גֶעוִוים נִיט גֶעקָאנְט אָפּ זָאגֶען, דֶערוּם איז זִי בַּאלְד אַרוֹיף אין בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אונ תְּפִלָּה גֶעטְהוּן זַאלְץ זָאל וֶועלְוֶועלֶער וֶוערֶען, וָוארוּם נָאר אוֹיף זַאלְץ צוּ בֶּעטֶען הָאט זִי שְׁלִיטָה, וַוייל זִי איז דָאךְ גֶעוָוארֶען אַ שְׁטִיק זַאלְץ, אוֹיף מָארְגֶען, אַז לַט הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן דֶער מַעֲשֶׂה איז עֶר שְׁטַארְק אין כַּעַס גֶעוָוארֶען אונ גֶעזָאגְט:

— אַזוֹי?! דִי שִׁכּוֹרִים גֶעהְן נָאר צוּ מַיין וַוייבּ אונ אוֹיף מִיר הָאבֶּען זֵיי נָאר פֶערְגֶעסֶען! זַאלְץ איז שׁוֹין גֶעפֶּעהְלֶען

גֶעוָוארֶען בֶּעסֶער פוּן בְּרַאנְפֶּען,– נוּ, נוּ! וֶועל אִיךְ זֵיי שׁוֹין אָפּ טְהוּן אַשְׁפִּיצֶעל, אַז זֵיי וֶועלֶען מִיךְ הָאבֶּען צוּ גֶעדֵיינְקֶען, זָאלֶען זֵיי זִיךְ וֶוארְגֶען מִיט זַאלְץ וַואשֶׁער. אוּנ ווִי מֵיינְט אִיהְר? אוֹיף מָארְגֶען אִיז טַאקִי בְּרַאנְפֶּען גֶעוָוארֶען טְהַייעֶרֶער. אָט פַאר וָואס, בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, מִיר הָאבֶּען פֶערְזִינְדִינְט בְּרַאנְפֶּען! –

74) פֶּעפֶער אוּנ זַאלְץ.

– פַאר וָואס אִיז עֶפֶּעס לוֹט'ס וַייבּ גֶעוָוארֶען זַאלְץ? פַאר וָואס נִיט קֵיין פֶּעפֶער?

– פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער וַוייבּ דַארְף מֶען דָאךְ אַנְטְלוֹיפֶען וואוּ פֶּעפֶער וַואכְּסְט, הַיינְט וֶוענְן לוֹט'ס וַייבּ וָואלְט גֶעוָוארֶען פֶּעפֶער וָואלְט מֶען דָאךְ פוּן אֵיין צָרָה אַנְטְלָאפֶען אוּנ צוּ דֶער אַנְדֶערֶער גֶעקוּמֶען.

75) אַ גוּטֶע בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט.

אִין זַאל פוּן מִירָאוָואיי סוּד זִיטְצֶען צְוֵויי מֵיידְלַאךְ.

– וָואס פַאר אַ שֵׁאנֶער יוּנְגֶער מַאנְן דֶער סוּדְיַא אִיז! אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֶעהְר וֶואלֶען בֶּעקָאנֶען מִיט אִיהְם.

– עֶס אִיז זֶעהְר גְרִינְג, נַנְבֶ'ע עֶפֶּעס וֶועסְט דוּ זִיךְ מִיט אִיהְם בֶּעקָאנֶען.

76) גוּט גֶעאֶנְטְפֶערְט.

– אִיהְר זַייט אַנַאר!

— אויב איך בין אַזוי נאַריש, ווי איהר זייט קלוג, בין איך אויך גאָר קיין נאַר ניט; ווען איך וואָלט אָבער געווען אַזוי קלוג, ווי איהר זייט נאַריש, דאַנן וואָלט גאָר קיין גראָסערער חכם פון מיר אין דער וועלט ניט געווען.

77) שאֵלות ותשובות.

— וועלכער מענש קאָנן טרינקען ווייִן בעת ער האָט וואַסער, אונ ווען ער האָט קיין וואַסער מוז ער טרינקען דווקא וואַסער?

— אַ מיהלנער.

78) אַ גוטער רבי.

אָרב האָט פערהערט די תלמוד תורה יונגליך.

— וואָס לערענט איהר?

— ביצה.

— ווער האָט געלייגט די איי?

איין תלמיד: — בית שמאי.

דער אַנדערער תלמיד: — בית הלל.

דער רבי: — אַך, איהר פערשטאָפטע מחות! די גמרא האָט געלייגט.

79) דער ערשטער פייג.

מיט אַיאָהר צוריק איז ביי איין באַנקיר פון קאָנטאָר אַנטלאָפען אַשרייבער מיט שאָנע עטליכע טויזענד רובל:

דָא נִיט לַאנְג הָאט דֶער בַּאנְקִיעֶר בֶּעקוּמֶען אַבְּרִיעף אִיןְ
וֶועלְכֶען עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פָאלְגֶענְדֶעס: לִיעבֶּער הֶער!
מֵיינְט נִיט, אַז אַייעֶר גֶעלְד אִיז אַוֶועק אָהְן נוּטְץ. אִיךְ
הָאבּ זִיךְ בֶּעזֶעטְצְט אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל,
אִיךְ הָאבּ דָארְטֶען גֶעקוֹיפְט אִין „רִאשׁוֹן לְצִיּוֹן" אַשְׁטִיקֶעל
עֶרְד, אוֹיף וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ פֶערְפְלַאנְצְט וַויינְשְׁטָאקֶען,
אֵיילְבֶּערְטְבּוֹימֶער אוּנ פַייגֶען בּוֹימֶער. דֶער וַוייל אִיז נָאךְ
נִיט אַוֶועק קֵיין דְרַיי יָאהְר צַייט מֵיינֶע בּוֹימֶער זַיינֶען פֶער־
פְלַאנְצְט, אוּנ דִי פֵּרוֹת פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי יָאהְר אִיז דָאךְ
עָרְלָה, מֶען טָאהְר זֵיי דָאךְ נִיט עֶסֶען נָאר אִיךְ זָאג אַייךְ
צוּ, אַז אוֹיפְ'ן פֶערְטֶען יָאהְר, וִוי מֶען וֶועט נָאר מָאנֶען
עֶסֶען דִי פֵּירוֹת פוּן מֵיינֶע בּוֹימֶער, שִׁיק אִיךְ אַייךְ בַּאלְד
אַריין... דֶעם עֶרְשְׁטֶען פַייג.

80) פְּרַאגֶע, אַנְטְוָוארְט.

– וִויפִיעל פוֹיגֶעל אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט?
– הֶעלְפְט וִויפִיעל פְלִיעגֶעל.
– וָואס אִיז אֶרְגֶער פוּן אֵיין יוּדִינֶע?
– צְוֵויי.
– וֶועלְכֶער מֶענְשׁ זָאגְט קֵיין מָאל קֵיין לִיעגֶען?
– אַשְׁטוּמֶער.

81) אַשְׁדְּכָן'ס הוֹיז.

– וִוי בּוֹיט אַשַׁדְכָן אַהוֹיז?

– אַפְּרִיהֶער לױפְט עֶר אַרום בִּיז װאַנֶען עֶר קְרִיעגְט רִי פְלַאטְץ; נַאכְהֶער פִּיהְרְט עֶר צונױף אַװאַנְדְט מִיט אַװאַנְדְט, אונ צום סוֹף לָאזְט זִיךְ אױס אַבױדֶעם.

82) גוט אונ נָאךְ בֶּעסֶער.

– זִי זִינְגְט גַאנְץ גוט.
– אַז זִי שְׁװַײגְט אִיז נָאךְ בֶּעסֶער.
– עֶר רֶעדְט גַאנְץ קְלוּג.
– אַז עֶר שְׁװַײגְט אִיז נָאךְ קְלִינֶער.
– אַז מֶען קוּקְט זִיךְ אִין אִיהְר אַײן פוּן נָאהֶענְטֶען אִיז זִי זֶעהְר חֶ'נֶעװְדִיג שֵׁאן.
– נָאךְ שֶׁענֶער אִיז זִי פוּן װַײטֶען אונ װָאס װַײטֶער אִיז אַלְץ בֶּעסֶער.
– אַז מַײן מַאנְן קוּמְט אױף יוֹם טוֹב אַהֵײם אִיז זֶעהְר פְרֵאהְלִיךְ.
– אַז מַײנֶער אִיז נִיט דָא אִין דֶער הֵײם אִיז נָאךְ פְרֵאהְלִיכֶער.
– אִיךְ הָאבּ דַאס קִינְד זֶעהְר לִיעֶבּ.
– אונ אִיךְ לִיעֶבּ בֶּעסֶער זַײן מוּטְטֶער.

83) זִינְגֶען אונ נִיט זִינְגֶען.

– װִי גֶעפֶעהְלְט אַײךְ מַײן זִינְגֶען.
– אִיהְר זִינְגְט, מַײן פְרַײנְד, גַאנְץ גוט, נָאר צוּ נִיט זִינְגֶען קוּמְט עֶס נִיט.

דאם

84) דָאס זָעלבֶּע אויף אַיין אַנְדער אוֹפֶן.

— ווי גֶעפֶעהלְט אַייךְ מַיין זינְגֶען?

— אִיהְר זִינְגְט אֲפִילוּ גַאנְץ גוּט, נָאר דֶעם אַנְדֶערֶען וֶוערְט נִיט גוּט הָארֶענְדִיג.

85) שֵׁאן אוּנ קְלוּג.

— אִיהְר זִינְגְט ווי דָוִד, נָאר נִיט אַזוֹי שֵׁאן.

— אִיהְר רֶעדְט ווִי שְׁלֹמֹה, נָאר נִיט אַזוֹי קְלוּג.

86) אַגוּטֶע טְרֵייסְט.

אַ מְלַמֵד, וֶועלְכֶער הָאט כָּל יָמָיו גֶעקְנֶעלְט נִיט אִין דֶער הֵיים, פְּלֶעגְט קוּמֶען אַהֵיים אוֹיף אַלְלֶע תִּשְׁעָה בְּאָב אוּנ פֶערְבְּרֵיינְגֶען בִּיז אִיבֶּער שַׁבָּת נַחֲמוּ. אֵיין מָאל תִּשְׁעָה בְּאָב גֵעהְט זַיין פְרוֹי אִין גַאס זֶעהְר טְרוֹיעֶרִיג.

— וָואס אִיז עֶס מִיט אַייךְ, גָאלְדֶע? וָואס זַייט אִיהְר אַזוֹי אוּמֶעטִיג? — פְּרֶעגְט זִי אִיהְרֶע אַ בֶּעקַאנְטֶע.

— ווי זָאל אִיךְ נִיט זַיין אוּמֶעטִיג? עֶס אִיז שׁוֹין פַאר נַאכְט, כַּאלְד גֵעהְט שׁוֹין דֶער תִּשְׁעָה בְּאָב אַוֶועק אוּנ מַיין מַאנְן אִיז נָאךְ נִיט דָא.

— זָארְגְט נִיט אַזוֹי, מַיין פְרַיינְד, וֶוענְן אַייעֶר מַאנְן וֶועט קוּמֶען, וֶועט בַּיי אַייךְ זַיין תִּשְׁעָה בְּאָב.

87) שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּנ קְרִיאַת שְׁמַע.

— פַאר וָואס וַוארְט מֶען אוֹיפְ'ן רָב בִּיז עֶר גֵעהְט אוֹיס

שמונה

שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט קְרִיאַת שְׁמַע וַוארְט מֶען נִיט?

– ווייל, אַז דֶער רָב וֶועט אוֹיס גֶעהְן, אִיז מֶען זִיכֶער, דֶערוּם קָאנְן מֶען וַוארְטֶען; אָבֶּער בִּיז וַואנֶען דֶער רָב וֶועט זָאגֶען אֱמֶת...

88) טַאקִי דֶער פַּאר!

– פַּאר וָואס הָאט מֶען אַיין „מִאוּסֶ'ע" מֵיידֶעל פַּיינְדְט?

– טַאקִי דֶער פַּאר!

– פַּאר וָואס זָאגְט מֶען, אַז אַ מְלַמֵד אִיז „אַ נַאר"?

– טַאקִי דָער פַּאר!

– פַּאר וָואס הַאסְט מֶען אַ יוּדֶען?

– טַאקִי דָער פַּאר!

89) רִיכְטִיגְקַייט אִין דִי בְּלֶאטֶער.

אִין בְּלַאט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אַז אִין וַוארְשָׁא הָאט זִיךְ אַיוּנְגֶע מֵיידֶל גְשָׁאסְן פוּן לִיבֶּע. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶועזֶען אֱמֶת, נָאר עֶטְלִיכֶע קְלֵיינִיקַייטֶען זַיינֶען גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ: עֶרְשְׁטֶענְס, אִיז עֶס גֶעוֶועזֶען נִיט אִין וַוארְשָׁא, נָאר אִין אֵיישִׁישָׁאק, צְווייטֶענְס אִיז עֶס נִיט גֶעוֶוען אַיוּנְגֶע מֵיידֶעל נָאר אַיוּדִינֶע פוּן אַיָאהְר 50; אַנַב הָאט זִי זִיךְ נִיט גֶעשָׁאסֶען, נָאר זִי אִיז גְלַאט גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּן נִיט פוּן לִיעֶבֶּע נָאר פוּן הוּנְגֶער.

90) אַ שֵׁיינֶע הַאנְדְשְׁרִיפְט.

אוֹיפְ'ן טִישׁ לִיעגְט אַבְּרִיעף, גֶעבֶּען בְּרִיעף זִיטְצְט

דער יונגער מַאנן, וואָס האָט דעם בְּרִיעף אויפְגעשְׁרִיבּען.
מִיט אַמאָל געהְט אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אַיין אַלְטער יוּד נעמְט
דעם בְּרִיעף אִין הַאנְד, בּעטְרַאכְט אִיהְם אוּנ זַאגְט:
– עס אִיז אַ חִדּוּשׁ! אַלֶע געלִינְקְטֶע האָבּען אַפַּיינֶע
הַאנְד שְׁרִיפְט.
– אִיךְ בִּין גאָר קַיין געלִינְקְטֶער... זאָגְט דער
יוּנגער מַאנְן.
– קאָנְט אִיהְר טַאקִי נִיט.

91) אִין גְלֶעזֶער גַאם.

קְרֶאמֶערְקֶע: ר׳ יוּד קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אִין קְרָאם,
אִיךְ האָבּ אַלֶערְהַאנְד סְחוֹרָה.
קוּנֶה: נאָזְטִיכֶער האָט אִיהְר?
קְרֶאמֶערְקֶע: אֶפְשֶׁר הוּנְדֶערְט דוּץ.
קוּנֶה: טְאַ זַייט שֶׁזֶע אַזוֹי גוּט, נעמְט אַרוֹים
אַנָאזְטִיכֶעל אוּנ וִוישְׁט זִיךְ אָפּ דִי נָאז.

92) נִיט קַיין נַארִישֶׁע כַּלָה.

– מַיין טָאכְטֶער, וואָס בִּיסְט דוּ אַזוֹי לוּסְטִיג?
הַיינְט אִיז דָאךְ דַיין חוּפָּה טָאג, וואָלְלְט דָאךְ נִיט שַׁאדֶען
דוּ זאָלְלְסְט אַרוֹים לָאזֶען אַטְהֶרֶער...
– וואָס אַרְט עס מִיר!... זאָל וויינֶען דער, וואָס
האָט מִיט מִיר חַתוּנָה...

93) אַפֶּעטִיט צוּם לֶעהֶרְנֶען.

– פַאר וָואס קָארְמֶעט מֶען דִי קְלוֹיזְנִיקֶעס אוֹיף דִי טָאג נָאךְ אַנַאנְד מִיט הֶערִינְג?

– כְּדֵי זֵיי זָאלֶען הָאבֶּען אַפֶּעטִיט צוּם לֶעהְרְנֶען.

94) דִי שַׁארְפֶע פֶּעדֶער.

– זָאג מִיר, שְׁלמֹה, פַאר וָואס זָאגְט מֶען, אַז דִי פֶּעדֶער אִיז שַׁארְפֶער פוּן אַ שְׁוֶוערְד?

– נָאר פָּשׁוּט, וַוייל מִיט אַשְׁוֶוערְד וֶועסְט דוּא קֵיין דַאנָאס נִיט אוֹיפְשְׁרַייבֶּען...

95) אוּם עֶרְוַוארְטֶענְד.

– גִיטֶעל, מַיין לֶעבֶּען, אִיךְ לִיעֶב דִיךְ, וְוִי מַיין זֶעלֶע, וָואלְסְט וֶואלֶען חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט מִיר?

– אַךְ, בֶּערֶעלֶע קְרֵיין, נָאר אוּם עֶרְוַוארְטֶענְד הֶאר אִיךְ פוּן דִיר אַזֶעלְכֶעס. אִיךְ הָאבּ נָאר נִיט גֶערֶעכֶענְט, אַז דוּ וֶועסְט מִיר אַזוֹי. גִיךְ פָארְלֵייגֶען אַזַא זַאךְ, עַל כֵּן מוּזְטוּ מִיר לָאזֶען אַקְלֵיין וַויילֶע צַייט.

– בִּיז וְוִי לַאנְג?

– נִיט פִיעֶל: בִּיז אִיךְ וֶועל נָאר רוּפֶען דִי מוּטֶער, עֶס וֶועט גֶעדוֹיעֶרְעֶן נִיט לַאנְג: זִי שְׁטֶעהְט הִינְטֶערן טִיהְר.

96) נִיט קֵיין שְׁלֶעכְטֶער פֶּערְגְלַייךְ.

– וָואס מַאכְט אַייעֶר קִינְד?

– נָאט צו דַאנְקֶען. מַיין זוּהְן איז וָועהְר אַוואוּיל קִינְד, עֶר וָועהְט שׁוֹין אוּים וִוי אַשְׁטוּדֶענְט: כַּיין נַאכְט שְׁטִיעֶפְּט עֶר אוּנ בַּיי'ן טָאג שְׁלָאפְט עֶר.

97) גָאר קַיין גְלַייכֶענִישׁ נִיט.—

– פְרַיילֶען אִיךְ בִּין אִין אַייךְ פֶערְלִיעֶבְּט בִּיז אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרֶען.

– אַזוֹי הָאט מִיר דֶער פֶּעטֶער אוֹיךְ גֶעזָאגְט.

– נוּ זָאגְט אַלֵיין, וָואס פֶערְגְלַייכְט אִיהְר מִיךְ צוּם פֶּעטֶער? בַּיי מִיר אִיז דָאךְ אַסַךְ לֵיינְגֶערֶע אוֹיעֶרֶען...

98.

וֵוייסְטוּ וואוּ טְרָאגְט מֶען אַזֶעלְכֶע תַאנְדְשׁוּה, וִוי בַּיי מִיר?

– אִין פַּארִיז מִסְתָמָא.

– נַיין.

– נוּ, אִיז אִין בֶּערְלִין.

– אוֹיךְ נִיט.

– צוּ וואוּ דֶענְן?

– אוֹיף דִי הֶאנְד. –

99) עֶס פֶערְדְרִיסְט טַאקֶע.

– זָאג מִיר, מַיין קִינְד, וָואס אִיז דָאס פַּאר אַנַאנְגֶעַן, אַפְּרִיהֶער וִוי זָאגְסְט דוּ דָאס אוֹיף דַיין מוּהְמֶען, אַז זִיא אִיז אַ בְּהֵמָה, אוּנ נַאכְהֶער גֶעהְסְט דוּ צוּ אִיהְר אוּנ זָאגְסְט אִיהְר,

אַז דיך פֶערדְרִיסְט דֶערוֹיף.

– אַךְ, לִיעֶבֶּע מוּטֶער, עֶס פֶערדְרִיסְט מִיךְ טַאקֶע דָערוֹיף וָואס מַיין מוּהְמֶע אִיז אַ בְּהֵמָה.

100) אוֹיךְ אַיין מִין בֶּעלֵיידִיגוּנְג. —

– אִין דֶער גְנֵבָה הָאסְט דוּ אוֹיךְ אַחֵלֶק? זָאג!

– נֵיין, הֶערְר רִיכְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִין דֶער גְנֵבָה קֵיין חֵלֶק נִיט. אִיךְ בִּין נָאר דֶער גַנָב אַלֵיין.

101) דִי גוּטֶע יְרוּשָׁה. —

– בֶּעסְטֶער פְרַיינְד, לַייהֶע מִיר עֶטְלִיכֶע רוּבִּיל, יַדוּ וֶועסְט מִיךְ פָּשׁוּט דֶעם לֶעבֶּען דֶער הַאלְטֶען.

— אִיךְ קָאנְן נִיט.

— דוּ זָאגְסְט דָאךְ, אַז דוּ בִּיסְט מִיר אַיין עֶרֶענְסְטֶער פְרַיינְד, אוּנ וָוארוּם וְוילְסְט דוּ מִיר קֵיין גֶעלְד נִיט לַייהֶען? דוּ וֶועסְט דָאךְ מִיךְ דֶער מִיט מְחַיֶה זַיין, אוּנ אִיךְ וֵויים דָאךְ, אַז דוּ הָאסְט גֶעלְד.

– יַא, אִיךְ הָאבּ, אִיךְ קָאנְן זִיךְ אָבֶּער מִיט זֵיי נִיט שֵׁיידֶען, דָאס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבֶּען אַיין אָנְדֵיינְקֶען פוּן מַיין פָאטֶער...

102) אַקְלוּגֶע בַּקָשָׁה. —

— הֶערְסְט דוּ, קַבְּצָן, גֶעהְסְט דוּ נִיט אַוֶועק מִיט גוּטֶען, רוּף אִיךְ שׁוֹין אַרַיין אַדְיֶענְסְטְמַאנְן אוּנ מֶען וֶועט דִיךְ אַרוֹיס וַוארְפֶען וִוי אַהוּנְד.

– בּ׳לֶעבֶּען, דָאס אִיז גָאר אִיבֶּעריג, נִיט מִיר בָּאטְש הֶעלְפְט וִויפִיעל אִיהְר וֶועט גֶעבֶּען דֶעם דִיעֶנְסְטְמַאנְן, וֶועל אִיךְ אַלֵיין אַוֶועק גֵעהְן.

103) אָהְן סַכָּנוֹת.

– אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, אַז דַיין שְׁווִיגֶער אִיז גֶעפֶּאהְרְלִיךְ קְרַאנְק, אִיז עֶס אֶמֶת?

– יַא קְרַאנְק אִיז זִי, אָבֶּער נִיט גֶעפֶּאהְרְלִיךְ: גֶעפֶּאהְרְלִיךְ אִיז זִי נָאר דַאמָאלְסְט, וֶוענְן זִי אִיז גֶעזוּנְד.

104) אַ בְּפֵירוּשֶׁ׳ע רַאְיָה.

אַשְׁנַיידֶער הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין לֶערְנְיוּנְגֶעל צוּ אַקוּנְד נָאךְ גֶעלְד. וֶוענְן דֶער לֶעהְרְיוּנְגֶעל אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט אִיהְם דֶער שְׁנַיידֶער גֶעפְרֶעגְט:

– עֶר אִיז אֶפְשַׁר גֶעוֶוען אוּם צוּ פְּרִיעדֶען פוּן דַיין קוּמֶען?

– נֵיין, – הָאט דֶער לֶעהְרְיוּנְגֶעל גֶעאֶנְטְפֶערְט – דָאס אִיז אִיהְם אַפָּנִים זֵעהְר אַיינְגֶענֶעהְר, וָוארוּם עֶר הָאט מִיר טַאקֶע גֶעהֵייסֶען נָאךְ אַמָאל קוּמֶען.

105) אַגוּטֶע שְׁטְרָאף.

– נַא, טְרָאג אַוֶועק צוּם פָּאצְט דֶעם בְּרִיעף,

– הָאט אַווִירְטְה גֶעזָאגְט צוּ זַיין דִיענֶער.

דער

דֶער דיענֶער הָאט צו גֶענוּמֶען דֶעם בְּריעף אוּנ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין טַאשׁ, וואוּ עֶס אִיז גֶעלֶעגֶען נָאךְ אַבְּריעף, דֶער ווירְטה הָאט עֶס בֶּעמֶערְקְט אוּנ אִיז זֵעהְר צָארְנְדיג גֶעווָארֶען.

– הָאסְט נָאךְ אַוַדַאי דָאס בְּריעף, ווָאס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶאבְּטֶען גֶעגֶעבֶּען אוֹיךְ נִיט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט? – הָאט דֶער ווירְטה מִיט כַּעַס גֶעפְּרֶאגְט.

– עֶנְטְשׁוּלְדיגְט, אִיךְ הָאבּ זֵעהְר קֵיין צַייט נִיט גֶעהַאט, – עֶנְטְפֶערְט דֶער דיעגֶער עֶרְשְׁרָאקֶען, אוּנ דֶער ווירְטה אִיז נָאךְ מֶעהְר צוּרֵייצְט גֶעוָוארֶען אוּנ גֶעשְׁרִיהֶען:

– דוּ ווייסְט, דַאכְט זִיךְ, אַז מַיינֶע בְּריעף זַיינֶען זֵעהְר נֵאטְהִיג, מֶען קָאנְן זֵיי נִיט אָפּלֵייגֶען. נֵיין, נֵיין, אִיךְ גְלוֹיבּ שׁוֹין דִיר נִיט פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַלֵיין מַיינֶע בְּריעף טְרָאגֶען צוּם פָּאצְט.

106) דָאס שְׁוַוארְצֶע בְּלוּט.

– ווָאס אִיז דָאס בַּיי דִיר דִי פַּאפִּיעֶרֶען אַזוֹי פֶּערְפְלֶעקְט? — הָאט אַלֶעהְרֶער גֶעפְּרֶאגְט בַּיי זַיינֶעם אַתַּלְמִיד, אִיבֶּערְקוּקֶענְדִיג זַיינֶע בִּיכֶער אוּנ פַּאפִּיעֶרֶען.

אִיךְ בִּין אִין דֶעם גָאר נִיט שׁוּלְדִיג, — עֶנְטְפֶערְט דֶער תַּלְמִיד — ווֶענְן אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבֶּען, אִיז גֶעבֶּען מִיר גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְזֶער דִיעֶנֶער דֶער נִיעֶגֶער אוּנ אִיךְ הָאבּ אוּם גֶעקְן אִיתְם דִי נָאז צוּ שְׁלָאגֶען...

107) אויפ'ן אַבְּסַנְיָה.

דֶער אורַח: דָאס פְלֵייש אִיז פְּרִישׁ?

די דִיעֶנְסְט: אִיךְ וֵויים נִיט. אִיךְ וֶועל פְּרֶאגֶען בַּיי דֶער קָאכֶען, אוּנ זָא רֵיידֶענְדִיג פְרֶאגְט זִי פוּן וַוייטֶען צוּם קִיךְ:

— דָאס פְלֵייש אִיז פְּרִישׁ?

—וֶוער פְּרֶאגְט עֶס?

— דֶער אורַח.

—יַא, פְּרִישׁ!

108) וִוידֶער אויפ'ן אַבְּסַנְיָה.

די דִינְסְט: דֶער אורַח הָאט מֶער ווִי הֶעלְפְט פְלֵייש אִיבֶּער גֶעלָאזֶען. עֶר זָאגְט עֶס אִיז נִיט פְּרִישׁ.

די וִוירְטְהִין: אַזוֹי? מוּז עֶר טַאקֶע זַיין אַיין אַדֶעלְמַאן דַארְף מֶען אִיהְם שׁוֹין רֶעכֶענֶען טְהַייעֶרֶער.

109) אַ קְלוּגֶער עֶנְטְפֶער.

דוּ הָאסְט, דַאכְט זִיךְ, חַתוּנָה גֶעהַאט.

— יַא.

מִיט וֶועמֶען?

— מִיט מַיין וַוייבּ.

.110

אַלִינְגֶער דֶער צֵאהָלְט אַנַיים פַאר דֶעם צְווַייטֶען:
אִין אויסְלַאנְד הָאט מֶען אוים גֶעקְלֶעהָרְט אַזאַ מַאשִׁינֶע
וָואס אִיהְר דַארְף מֶען נָאר נִיסְט זָאגֶען, נָאר זִי אַלֵיין
רֶעדְט...
– אֶמֶת ?! –
– אִיךְ שְׁוֶואהְר דִיר אַז עֶס אִיז אֶמֶת.
– אויב אַזוֹי בִּיסְט דוּ אַפָּנִים נִיט קֵיין אויסְלֶאנְדִישֶׁער...

111) פוּן זָאמֶער אויף ווינְטֶער.

– מוּטֶער, מַאךְ מִיר אַזָאמֶער הוּט.
– אִיךְ הָאבּ קֵיין גֶעלְד נִיט.
– נוּ, גֶעדֵיינְק, מוּטֶער, מַאכְסְט דוּ מִיר נִיט קֵיין
זָאמֶערְהוּט, וֶועט אויף מִיר דִי ווינְטֶער קְלֵייד נִיט טֵייגֶען...

112) דִי גוּטֶע דִיעְנְסְט.

– נוּ, נוּט אִיךְ ווֶעל דִיךְ אויפְנֶעמֶען. – זָאגְט
אַווירְטְהִין צוּ דֶער דִיעְנְסְט. – וֵוייסְט דוּ נִיט פִּיעלַייכְט
דֶער וִויפִיעלְטֶער טָאג אִין חֹדֶשׁ אִיז הַיינְט, אִיךְ וִויל פֶער־
שְׁרַייבֶּען דֶעם טָאג וֶוען דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר.
דִי דִיעְנְסְט הָאט גֶענוּמֶען צֵאהְלֶען אויף דִי פִינְגֶער
אוּנ רֶעכֶענֶען:

– פון אײנְטֶע בִּיז 4 טֶע בִּין אִיךְ גֶעװֶען בַּיים אַפְּטְהֶעקֶער. פון 5 טֶע בִּיז 7טֶע בַּיים דָאקְטֶער. פון אַכְטֶע בִּיז צְוֶועלְפְטֶע בַּיים הֶער קְרֶעפְּף, פון דְרַייצֶעהְנְטֶע בִּיז זִיעבֶּענְצֶענְטֶע בַּיי דֶער מַאדַאם שְׁװַארְץ. אַלְזָא אִיז הַיינְט דֶער אַכְצֶעהְנְטֶער...

113) נִיט אַלֶע װַארְטֶען אוֹיף אֵיין זַאךְ.

צְװֵיי דִיעגֶער הָאבֶּען אָפּ גֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע שְׂכִירוֹת אוּנ גֶעװָאלְט גֵעהְן אִין שֵׁיינְק.

– קוּם מִיט אוּנְז מִיט – הָאבֶּען זֵיי גֶעזָאגְט צוּ נָאךְ אַדִיעגֶער – מִיר װִילֶען גֶעהְן מַאכֶען אַשְׁנֶעפְּסֶעל, נָאר מִיר װַארְטֶען אוֹיף אַדְרִיטֶען.

– אוּנ אִיךְ — הָאט גֶעאֶנְטְפֶערְט דֶער דְרִיטֶער מִיט אַזִיפְץ — װַארְט נָאר אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטֶען...–

114) אוֹיף אֵיין אֵייגֶענֶעם טַאטֶען מָאג מֶען.

– װִי קוּמְסְט דוּ אַזוֹי צוּ בֶּערֵיידֶען אַ פְּרֶעמְדֶען מֶענְשֶׁען?

– אַ פְּרֶעמְדֶען מֶענְשֶׁען בֶּערֵייד אִיךְ קֵיין מָאל. אִיצְטֶער רֵייד אִיךְ דָאךְ דָאס װֶעגֶען מַיין אֵייגֶענֶעם טַאטֶען...

115) אוֹיךְ אַמְעלֶה.

צְװֵיי שְׁפַּאצִיעֶרֶענְדֶע הָאבֶּען גֶערֶעדְט װֶעגֶען דֶעם װִיצְלִינְג װָאס אִין גָארְטֶען.

– זַיינֶע וויִטְצֶען זַיינֶען אִיצוּנְד אַסַךְ בֶּעשֶׂער אֵיידֶער גֶעוועֶן, — זָאגְט אֵיינֶער.

– יַא, – עֶנְטְפֶערְט דֶער צְוֵוייטֶער – זֵיי שְׁטֶעלֶען שׁוֹי קֵיינֶעם נִיט אָפּ אוּנ קֵיינֶער לַאכְט שׁוֹין נִיט פוּן זֵיי.

עֶנְדֶע.